# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות................. **7:55**
מוצאי שב"ק................... **9:22**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............ישעיה י"ח-י"ט
בבלי.....................תמורה ט"ו
ירושלמי...................ערלה ד'
תוספתא..............נזיר פרק א'
רמב"ם..........טומאת אוכלין ז'


פרשת מטות מסעי, ב' אב, אבות פרק ב', שנת תשע"ט לפ"ק — שנה 8, גליון 47 (407)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל בִּדְבַר בִּלְעָם לִמְסָר מַעַל בַּה'.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ג) אַז דִי רֵייד פוּן אַ רָשָׁע אַ 'בַּר דַעַת', מַאכְט אַז דֶער וָואס הֶערְט עֶס זָאל טוּן עֲבֵירוֹת. אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּהִיטְן נִישְׁט צוּ הֶערְן וִוי אַ רָשָׁע רֶעדְט, וַוייל דָאס שַׁאדְט זֵייעֶר פַאר דֶעם וָואס הֶערְט עֶס.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל "בִּדְבַר" בִּלְעָם,** דִי רֵייד וָואס בִּלְעָם הָאט גֶערֶעדְט הָאט גֶעשַׁאדְט פַאר דִי אִידְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן רפ"ב) אַז מֶען דַארְף יֶעדְן מֶענְטְשׁ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת. וִוידֶער זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פ"ח) "אֵין מְלַמְּדִין זְכוּת עַל הַמֵּסִית". אַ מֵסִית, אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אָפּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים טָאר מֶען נִישְׁט דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי מִינֵי רְשָׁעִים, וֶוען אַ רָשָׁע אִיז אַלֵיין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, קֶען מֶען מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער וֶוען אַ רָשָׁע רֶעדְט אוֹיךְ צוּ אַ צְוֵוייטְן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, דֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין לִימוּד זְכוּת, אוּן פוּן אִים דַארְף מֶען שְׁטֵיין וַוייט.

דֶערְפַאר אוֹיף דִי וֶוערְטֶער "הֵן הֵנָּה" זֶענֶען דָא דִי טְרָאפְּן **"אַזְלָא גֵּרֵשׁ"**, אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם רָשָׁע וָואס וִויל צוּרֶעדְן אַז מֶען זָאל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער פוּנֶעם צַדִיק, דָאס וֶועט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִיר, אַז **"אַזְלָא גֵּרֵשׁ"** אַז דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְגֵיין אוּן מֶען זָאל דִיר פַארְטְרַייבְּן פוּן דִי קְדוּשָׁה, אוּן דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אִים, אוּן זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אִים.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַטּוֹת ג')

***

**וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה,** מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל מְשׁוּגָע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל טוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אִיז נָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר דָאס הַרְגֶ'ט דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין אַ מֶענְטְשׁ.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר, חֹק וְלֹא יַעֲבֹר, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה זִיכֶער אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק **וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי,** וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן מִדְבַּר סִינַי, דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. דָאס מֵיינְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, **וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה,** קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי תַּאֲווֹת וָואס בַּאגְרָאבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַסְעֵי ה')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ אָב

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ אָב, אַ חוֹדֶשׁ אִין וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס שׁוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דֶער טְרוֹיעֶר אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, נָאר מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דֶער מֹחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶס דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, אוּן אוֹיף דֶעם טְרוֹיעֶרְן מִיר אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

דוּרְכְאוֹיס אַלֶע דוֹרוֹת הָאבְּן זִיךְ דִי אִידִישֶׁע מַאמֶעס גֶעפִירְט צוּ אַיינְוִויגְן דִי קִינְדֶער מִיט שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע נִיגוּנִים, נִיגוּנִים וָואס אַ קִינְד הֶערְט פוּן דִי מַאמֶע הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע כֹּחַ אוֹיפְן קִינְד אַז דָאס בַּאגְלֵייט זֵיי אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוֹיף רֶבִּי חֲנִינָא (חוּלִין כד:) אַז בַּיי דִי אַכְצִיג יָאר הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאט כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פוּס אוּן אָנְטוּן דִי שִׁיךְ אוּן אוֹיסְטוּן דִי שִׁיךְ פוּן דִי אַנְדֶערֶע פוּס, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "חַמִּין וְשֶׁמֶן שֶׁסָּכַתְנִי אִמִּי בְּיַלְדוּתִי הֵן עָמְדוּ לִי בְּעֵת זִקְנוּתִי", דִי וַוארֶעמֶע וַואסֶער אוּן דִי אוֹיל וָואס מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעשְׁמִירְט אוּן גֶעוַואשְׁן אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן דָאס הֶעלְפְּט מִיר אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן; זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר (דִּבְרֵי תּוֹרָה חֵלֶק ט, סִימָן נג) אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט בְּפַשְׁטוּת וַוארֶעמֶע וַואסֶער מִיט אוֹיל, נָאר דָאס מֵיינְט מֶען דִי וַוארֶעמְקֵייט פוּן זַיין מַאמֶע, אוּן דִי אוֹיל - דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן זַיין מַאמֶע - דָאס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן; אַז אַ מַאמֶע לֵייגְט אַרַיין וַוארֶעמְקֵייט אִין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים הֶעלְפְּט דָאס מֶען זָאל אַ גַאנְץ לֶעבְּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' פִּנְחָס תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## מֶעג מֶען עֶסְן פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג, וֶוען מְ'הָאט נִישְׁט גֶענְצְלִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען דָאס לֶערְנֶען?



**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל אַ מַזָּל טוֹב צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן אֵייעֶר זוּן, אוּן נָאךְ אַ מַזָּל טוֹב פַארְ'ן נַיי גֶעבּוֹירֶענֶעם קִינְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ נַחַת מִיט הַשְׁפָּעוֹת לָרוֹב, וְכָל מִילֵי דְּמֵיטָב.

אִין אֵייעֶר זְכוּת, אוּן אִין זְכוּת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוער עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם, אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא וָואס צוּ רֶעדְן מִיט אִים. אֵיידֶער מְ'הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד זֶעט עֶס אוֹיס וִוי אַ קִינְדֶער שְׁפִּיל, וֶוען מְ'הוֹיבְּט אָבֶּער אָן צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, הוֹיבְּט מֶען פְּלוּצְלִינְג אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מְ'שְׁפִּירְט אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'בַּאקוּמְט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַהֲבַת ה'. אוּן נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא וָואס זִיךְ צוּ טַעֲנָה'ן אִיבֶּער דֶעם בִּכְלַל.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מְ'עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, אוּן מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען נָאר פוּפְצִיג פְּרָאצֶענְט פוּן דִי גְמָרָא, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט פַאר אַ גֶעהֶערִיגֶע סִיּוּם אַז מְ'זָאל קֶענֶען דֶערְמִיט עֶסְן פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַלֶעס גוּטְס אִין לֶעבְּן.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אַז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט, בְּעפָאר מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) זֶעט אוֹיס דָאס זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וִוי אַ 'קִינְדֶער שְׁפִּיל', אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג וֶוערְט מַמָּשׁ בִּיטּוּל הַבְּחִירָה; מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי תּוֹרָה, מֶען בַּאקוּמְט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): "וֶוער עֶס הָאט טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין - דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז וִוי נָאר מֶען הֵייבְּט אָן טוֹעֵם זַיין פוּן דֶעם סֵדֶר אִין לֶערְנֶען; מֶען הֵייבְּט אָן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת כְּסִדְרָן, אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בְּלִימּוּד גְמָרָא, מֶען הֵייבְּט אָן גוֹרֵס זַיין בְּלֶעטֶער גְמָרָא - דֶעם מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן. נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט שׁוֹין פַארְזוּכְט פוּנֶעם יַיִן הַמְשׁוּמָר, אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין רְאָיוֹת אוּן הוֹכָחוֹת צִי דָאס הֵייסְט יָא גֶעלֶערְנְט אָדֶער נִישְׁט; צִי עֶס אִיז יָא דֶעם רֶבִּינ'ס זַאךְ אָדֶער נִישְׁט, דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, עֶר וִויל לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

אוֹיף דַיין שְׁאֵלָה צִי מֶען קֶען מַאכְן אַ סִיּוּם אִין דִי נַיין טֶעג אוּן עֶסְן פְלֵייש אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, מֶען הָאט גוֹרֵס גֶעוֶוען גְמָרָא אוּן פַארְשְׁטַאנֶען נָאר פוּפְצִיג פְּרָאצֶענְט; אַוַודַאי הֵייסְט דָאס אַ סִיּוּם אוּן אַוַודַאי הֵייסְט דָאס גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער עֶסְן פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג אִיז נִישְׁט כְּדַאי, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז מְסַיֵּם אַ מַסֶכְתָּא אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט דָאס הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "כְּדַאי הוּא בֵּית אֱלֹקֵינוּ נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג"; אָבֶּער מֶען קֶען דָאס נוּצְן פַאר אַ סִיּוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת בִּכְלָלִיּוּת, וּבִפְרָטִיּוּת - יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת, אוּן מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג. דֶעמָאלְט וֶועט זַיין: "כְּאִילּוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִילּוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו"; אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' פִּנְחָס תשע"ט)

<<<<<<

צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דָאס אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער צֵירוּף פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שֵׁם הוי"ה - קֶען מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיף צְוֶועלְף וֶועגְן, אוּן דָאס זֶענֶען קֶעגְן דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שַׁיינְט אַן אַנְדֶערֶע צֵירוּף פוּנֶעם שֵׁם. אִין חוֹדֶשׁ אָב שַׁיינְט דֶער צֵירוּף אוֹיף דִי וֶועג – "הוי"ה", וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כז ט) הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ – אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְטְס צוּ, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן אַ פָאלְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער שֵׁם פוּן דֶעם פָּסוּק, שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב? אוּן מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן אַז וֶוען מֶען וִויל זָאגְן דֶעם שֵׁם – דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן דֶעם שֵׁם, זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ אָב "דֶעם שֵׁם הַוַי"ה". פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם וֶועג?

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) אַז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פִיר זַאכְן, אוּן דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי יְסוֹדוֹת וִוי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע פַּאסִיג פַאר יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוען יֶעדֶער וִויל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס וִויכְטִיג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דֶעם וֶועג.

### יֶעדְן טָאג פוּן נַיי

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לֶערְנְט דִי גְמָרָא אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַיּוֹם הַזֶּה" נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, אַז יֶעדְן טָאג דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז הַיינְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף וִויסְן וֶוען עֶר וִויל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, קֶען מֶען יֶעדְן טָאג צוּרִיק קוּמֶען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט הַיינְט גֶעגֶעבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, "אִיךְ וֶועל הַיינְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוער זָאגְט אַז מָארְגְן וֶועט עֶס נָאךְ אָנְהַאלְטְן?", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, יֶעדְן טָאג דַארְף אַ אִיד פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה

וֶוען אַ אִיד וִויל אָבֶּער אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, קוּמְט אִים גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאפּ "וֶוער בִּין אִיךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה? עֶס אִיז טַאקֶע דָא גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אִידְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן זִיצְן אוּן הָארֶעוֶוען אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ קוּם דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט צוּ צוּ זֵייעֶר שְׁפִּיץ פִינְגֶער, וִוי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּ זֵיי? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען?"

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס דִי גְמָרָא לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם וְכוּ' - עֲשׂוּ כִּתּוֹת כִּתּוֹת וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה" - בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דָא אַסַאךְ כִּתּוֹת, עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אִידְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה, אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע עִיּוּן אוּן מִיט פִּלְפּוּלִים; אוֹיבּ אָבֶּער בִּיזְטוּ פוּן אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי בְּעִיּוּן, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, וַוייל יֶענֶער גֵייט אִין אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בִּכְלַל וָואס מֶען זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זָאגְן, "אִיךְ וִויל טַאקֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן צוּהַאקְט פוּן דִי צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט צוּזַאם נֶעמֶען אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה".

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי דְרִיטֶע זַאךְ וָואס דִי חֲזַ"ל לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - כַּתְּתוּ עַצְמְכֶם עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה, שֶׁאֵין דִּבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ" - דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, וֶוען עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דָאס הַאלְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה. אִין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ שְׁטֵייט (פֶּרֶק ו') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, זָאל עֶר לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע יִסּוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

### אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין וָוארְט

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר צוּבְּרֶעכְט זִיךְ דִי צֵיין קוּים אַרוֹיס צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי פֶערְטֶע

<<<<<<

>>>>>>

זאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, ״הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - הַס וְאַחַר כַּךְ כַּתֵּת, דְּאָמַר רַבָּא לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם תּוֹרָה וְאַחַר כַּךְ יֶהְגֶּה״ - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַּארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זַיין מֹחַ צוּם סוֹף עֶפֶענֶען, אוּן עֶר ווָעט פַּארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דֶעם פָּסוּק הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם, וָואס פוּן דָא קוּמְט אַרוֹיס דֶער שֵׁם וָואס שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, פוּן דֶעם פָּסוּק קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק פַאר יֶעדְן אִיד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאַנֵייעֶן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן אֲפִילוּ מֶען פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אֵיינְצִיגֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע לִמּוּדִים אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקְן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער חוֹדֶשׁ אָב, וַוייל דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל אוּן עֶר ווֶערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם פַארֶעכְט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף אִין זַיין מֹחַ דֶעם בֵּית הַמִקְדָּשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בִּינְד צוּ זַיין מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דִי וֶועג ״שֵׁם הַוָיָ״ה״, וַוייל דִי חִיזּוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען צוּנִיץ קוּמֶען פַאר יֶעדְן אִיד שְׁטֶענְדִיג.

### מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג

אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט טְעֲמִים פַארְוָואס אִידְן פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב (עַיֵין ספה״ק זֶרַע קוֹדֶשׁ פ׳ בָּלָק וּפ׳ דְבָרִים), אָבֶּער מִיט דֶעם קֶען מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֵיין, וַוייל יֶעצְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶעג זֶענֶען מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָואס דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען אוֹיךְ מִילְכִיגְס.

וֶוען אַ אִיד וֶועט אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב צוּ מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, זָאל עֶר כָּאטְשׁ זָאגְן דִי ווֶערְטֶער פוּן תּוֹרָה. וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דִי תּוֹרָה וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין אִים אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי כֹּחַ אוּן חֵשֶׁק וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״ש עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב)

**מאפּע פון זיצן אין בית המדרש ״היכל הקודש״ אין אומאן**

**צו דינגען א זיץ רופט: 347-770-2290**




# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## קֶען אַ מַאמֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַנְשְׁטָאט אִיר קִינְד?

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּי וָואס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה דֶערְמִיט, אוּן כָּאטְשׁ וָואס כְ׳פְלֶעג אַלְץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאגְט אַלְץ אַז יֶעדֶע אִידִישֶׁע פְּרוֹי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מְ׳אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב׳עֶר, אָבֶּער דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת גֶעבְּן מִיר פִּיל מֶער חִיזּוּק זִיךְ מֶער צוּ שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין בָּחוּר לֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ שְׁטַארְק בְּרוּחֲנִיוּת, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין הַארְץ בְּלוּטִיגְט אוֹיף דֶעם, אִיךְ וֵויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, דֶער בָּחוּר אַלֵיין שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז עֶפֶּעס פֶּעלְט אִים, עֶר מֵיינְט אַז עֶר וִויל פָּשׁוּט הֲנָאָה הָאבְּן אוֹיף דֶער ווֶעלְט, אוּן עֶר כַּאפְּט נִישְׁט וִוי עֶר גֵייט אוֹיפְ׳ן ווֶעג אַרָאפּ צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן עֶר וֶועט אַוַדַאי נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן. אִיז דִי שְׁאֵלָה צִי אִיךְ קֶען עֶס טוּן אַנְשְׁטָאט אִים, אַז אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק שְׁטֶעלְן אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן ווֶעג, אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אִיז דָאס דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אִיךְ בֶּעט אַנְשְׁטָאט אִים? וֶועט דָאס הֶעלְפְן דִי זֶעלְבֶּע וִוי וֶוען עֶר אַלֵיין וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן פַאר זִיךְ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. וָואס אִיז בִּכְלַל דִי הַוָה אֲמִינָא צִי עֶס הֶעלְפְּט תְּפִילוֹת פוּן אַ מַאמֶע פַאר אִירֶע קִינְדֶער?! אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן בַּאלַאכְטְן דִי ווֶעלְט אִיז נָאר וַוייל זֵייעֶרֶע מַאמֶעס פְלֶעגְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאשֵׁיינֶען דִי ווֶעלְט.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זִי״ע גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעווֶען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד, אוּן אִים גֶעזָאגְט: **״דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער״.**

זָאלְט אִיר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער וֶועט אִיר זֶען פִּיל נַחַת בַּיי אַלֶע פוּן זֵיי, בִּפְרַט וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; בֶּעטְס פַאר אַייךְ, פַאר אֵייעֶר מַאן, פַאר דֶעם קִינְד וָואס פֶּאלְט וְכוּ׳, פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן. בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אוֹיס׳פּוֹעְלְ׳ן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע טֶעכְטֶער אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן ווֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער״; אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט, בִּפְרַט מַיין זוּן הַבָּחוּר ..., הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶפְן אִים זַיין הַארְץ עֶר זָאל נָאר דִיר ווֶעלְן, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְסְטוּ אִים לִיכְטִיג מַאכְן זַיין לֶעבְּן, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין אִים אַ רֵיינֶע גֵייסְט, אַ הֵיילִיגְקֵייט. מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּיְ׳ן. צִינְד אָן ...׳ס הַארְץ עֶר זָאל דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן צִינְד אָן דִי הֶערְצֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער״.

אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין קֶענְט אִיר זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן, אוּן אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט הַאלְטְן דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים פַאר לַאנְג, קֶענְט אִיר פָּשׁוּט זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעטְס אוּן בֶּעטְס אוּן שְׁפָּארְט נִישְׁט קַיין טְרֶערְן, וַוייל יֶעדֶע טְרֶער אִיז נָאךְ אַ טְרָאפּ וַואסֶער וָואס וֶועט שְׁפַּאלְטְן דִי הֶערְצֶער פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף אִים; זוּכְטְס אוֹיף גוּטֶע נְקוּדוֹת אוֹיף אֵייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר אוּן מַאכְט דֶערְפוּן אַן עֵסֶק, וַוייל גֶעווֶענְלִיךְ זוּכְט מֶען אַלְץ חֶסְרוֹנוֹת אִינֶעם קִינְד. וֶוען מֶען זֶעט עֶפֶּעס וָואס דֶער קִינְד דַארְף פַּארֶעכְטְן הַאלְט מֶען פַּאר דֶעם קִינְד, אָבֶּער וֶוען דֶער קִינְד טוּט גוּטְס דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען גָארְנִישְׁט, דֶער ווֶעג אִיז נִישְׁט קַיין ווֶעג; קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן מַאכְן פוּן יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה אַן עֵסֶק.

אַז אִיר וֶועט קוּקְן גוּט אוֹיף אִים וֶועט אִיר אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִינגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמַארָאשׁ וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעווֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וִוי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פּוֹעְלְ׳ן בַּיי דִי מַארְמַארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?״ הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָּאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי״; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעְלְ׳ן.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אִין תְּפִילָה, זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ׳ מַטּוֹת-מַסְעֵי תשע״ט)

BreslevCenter.com\answers

**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט״א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס ״עצתו אמונה״.**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**



## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוען עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע.**

קסח

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט כְּסֵדֶר הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס מְ'הָאט אִים דֶערְצֵיילְט נֵייעֶס אוּן מַעֲשִׂיוֹת וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מְ'הָאט גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי דֶעם אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה.

גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַרַיינְפָּארְן פוּן דִי אַלֶע נֵייעֶס אוּן מַעֲשֶׂה'לֶעךְ, צוּ אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. אַסַאךְ מָאל אִיז פוּן דִי שְׁמוּעֶסעלֶעךְ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ לַאנְגֶער שְׁמוּעֶס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן צוּמָאל אִיז אֲפִילוּ גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַ גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן סְ'הָאט אַלֶעס גֶעהַאט צוּטוּן מִיט דִי נֵייעֶס וָואס מְ'הָאט גֶעהַאט גֶעשְׁמוּעֶסְט פַארְדֶעם.

וֶוען דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ סְתָּם פְּשׁוּטֶע שְׁמוּעֶסְן, הָאט עֶר אֵייבִּיג זֵייעֶר גֶעצִיטֶערְט, זַיינֶע פִיס אוּן זַיין גוּף הָאבְּן זִיךְ גֶעוָוארְפְן אוּן גֶעצִיטֶערְט, אַזוֹי וַוייט אַז וֶוען עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אָנְלַאנֶען אוֹיף אַ טִישׁ, פְלֶעגְט דִי גַאנְצֶע טִישׁ מִיטְצִיטֶערְן, אוּן אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים טִישׁ.

דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע יִרְאָה וָואס עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוער סְ'הָאט נִישְׁט גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע יִרְאָה אוּן פַּחַד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט כְּסֵדֶר, הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אַזַא זַאךְ וִוי יִרְאָה. עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ אַלֶע סָארְט חֵן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט יִרְאָה, אַהֲבָה, אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע קְדוּשָׁה, אִין יֶעדְן אֵבֶר אוּן גְלִיד.

עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעטוּן פוּן סֵיי וֶועלְכֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, וָואס מְ'קֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן, אוּן מְ'קֶען עֶס נִישְׁט טְרֶעפְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, מַמָּשׁ אוּמְבַּאשְׁרַייבְּלִיךְ. אוּן צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען נָאר וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט אִין תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גָאר אַסַאךְ, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר לַאנְגֶע טֶעג אוּן יָארְן.

שְׁנַת תקנ"ח

קסט

אֵיין טָאג, אִין אָנְהוֹיבּ ווִינְטֶער שְׁנַת תקנ"ח, אִיז ר' שִׁמְעוֹן גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶפֶּעס אַ נְסִיעָה וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְגֶעץ פָארְן, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט וואוּ אַהִין". ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט, "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פָארְן, אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וואוּ מְ'וִויל פָארְן?", דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ וֵוייס בֶּאֱמֶת נִישְׁט".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### הבחור החשוב אלחנן ראטה נ"י, זון פון ראש ישיבה שליט"א, איז מסיים מסכת תענית 101 מאל

פארגאנגענעם דאנערשטאג איז פארגעקומען אין קעמפ א שיינע סיום מסכת תענית הונדערט און איין מאל, דורך הבחור החשוב אלחנן ראטה נ"ו דער זון פון ראש ישיבה שליט"א.

נאכדעם וואס ער האט זוכה געווען מסיים צו זיין גאנץ ש"ס, נאך פאר זיין בר מצוה, האט ער זיך גענומען צו מסכת תענית, עס איבערצוגיין הונדערט און איין מאל, אזוי ווי מוהרא"ש האט געזאגט פאר די בחורים, און די וואך האט ער זוכה געווען עס צו ענדיגן.

נאך מעריב איז זיך דער עולם צוזאמגעקומען אין בית המדרש זיך מיטצופרייען מיט די שמחה של תורה. דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט און ארויסגעברענגט זיין גרויסע שמחה אז אז זיין זון האט זוכה געווען צו ענדיגן מסכת תענית 101 מאל, ווי מוהרא"ש האט אויסגעלערענט, און האט זיך יעצט גענומען צו ענדיגן מסכת ברכות - וואס איז די לענגסטע מסכת אין ש"ס מיט ווערטער - 101 מאל. אזוי אויך האט דער ראש ישיבה דערציילט אז שוין עטליכע יאר וואס ער מיט זיין זון האבן צוזאמען געלערנט בחברותא דעם הייליגן זוהר הקדוש, דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז ווען א יונגער בחור האט שכל קען ער גוט אויסנוצן די צייט, און אריינכאפן אסאך גוטע זאכן אין לעבן.

דערנאך האט דער מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א ארויסגעברענגט אז דער בחור - אויסער זיין גרויס התמדה - איז ער אלץ גרייט ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות מיט וואס נאר עס פעלט אויס, און אז מיר דארפן זיך לערנען פון אים ווי אויסצונוצן די צייט ווי עס דארף צו זיין.

דערנאך האט דער חשובער בחור המסיים געזאגט עטליכע ווערטער, ער האט זיך באדאנקט פאר זיין טאטע, און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסדים.

**כי הם חיינו!**

***

### העפטיגע ארבעט אין אומאן ביים נייעם בנין

ביים נייעם בנין היכל הקודש אין אומאן גייט אן פיבערהאפטיג די ארבעט צוצוגרייטן אלעס על צד היותר טוב צו זיין גרייט אויף ראש השנה פאר אנשי שלומינו וואס ווילן פארברענגען דעם יום טוב אין אן אפגעזונטערטן אפגעהיטענעם פלאץ, צוזאמען בדיבוק חברים, מיט דרשות און התחזקות פונעם ראש ישיבה שליט"א.

פון די וועד קרן הבנין געט מען איבער אז עס איז שוין אנגעקומען די נייע פילטער פאר די מקוה וואס מ'האט באשטעלט פון א פירמע אין ארץ ישראל פאר קרוב צו $10,000.

פאלגענד איז א טיילווייזע ליסטע פון אפדעיטס צום בנין אין אומאן אין די לעצטע וואכן:

* דער דאך פון דרויסן איז שוין כמעט אינגאנצן פארטיג.

דרך אגב, דער דאך איז ספעציעל דיזיינט געווארן אויף אזא אופן אז מ'זאל קענען נוצן און הנאה פונעם דאך. אין די צוקונפט וועט דער דאך בעז"ה ארומגענומען ווערן מיט א שיינע שטארקע צוים, און מען וועט זיך דארט קענען ארומשפאצירן אויפ'ן דאך צו לערנען און הנאה האבן פון די הערליכע פאנאראמע וואס מ'קען פון דארט זען. די אייזענעם פאר'ן צוים זענען שוין אינסטאלירט געווארן.

* מ'ארבעט אויף די לעקטער, פלאמבינג און טיילס פון די צווייטע שטאק פון די שלאף צימערן.

* מ'ארבעט אויף די אינסטאלירונג פון די נייע סאפיסטיקירטע פילטער - ווי אויבן דערמאנט - צו האלטן ריין די וואסער פון די מקוה.

* מ'ארבעט יעצט אויס די פלענער ארום צו צוימען דעם גאנצן שטח ארום, כדי די קלענערע קינדער זאלן האבן א גרויסע פלאץ וואו זיך צו שפילן אונטער די אויפזיכט פון די מלמדים.

* מ'ארבעט אויס די פלענער צו באשטעלן נייע טישן און בענק פאר די עס-זאל, נאכדעם וואס פאראיאר האט זיך ארויסגעשטעלט אז די טישן און בענק זענען נישט געווען באקוועם.

* בעז"ה וועט מען היי יאר נוצן צוויי שטאק פון די שלאף צימערן, און עס וועט נאר זיין אכט בעטן אין א צימער.

מיט יעדן טאג נענטער צו ראש השנה, ווערט גרעסער די התרגשות און התעוררות ביי אידישע קינדער צו פארן קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, זוכה צו זיין צו די געוואלדיגע הבטחות וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, צו נעמען דעם הייליגן רבי'ן פאר אן אדוואקאט ביים גרויסן יום הדין, צו ווערן אנגעשריבן אין הימל פאר א זיס ליכטיג יאר אן קיין פראבלעמען און צרות חס ושלום.

אלע בעטן אינ'ם בנין זענען שוין אפגעדינגען געווארן אויף דעם יאר, און יעצט קען מען שוין דינגען זיצן אינעם גרויסן היכל בית המדרש פאר די ווארעמע תפלות אום שבת ויום טוב. די מאפע פון די זיצן קען מען זען אין א באזונדערע קעסטל אין דעם גליון. צו דינגען א זיץ קען מען רופן אדער טעקסטן 347-770-2290.

**ויאמרו הנה יום הדין!**


## אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

**~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~**

אייער פריינד

**אלי קנאלל**

Plan it Rite

**718-506-4341**

Travel the right way



## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אלי קנאלל** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים



## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **משולם פינטער** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים



## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,**

**קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס,**

**USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**